ב"ה

# אין ליכט פון תורה

ספר

# שבט מוסר

## נשא

אידיש

535

הוצאת אמונה
ברוקלין נוא יארק,
שנת תשנ"ח לפ"ק

בעזרת השם יתברך

# פרק
# חמשה ושלשים

## נשא

אין דעם פרק ווערט ערקלערט דער סוד פון דעם קלייד וואָס ווערט געמאַכט פאַר אַ מענטש פון די מצוות וואָס ער איז מקיים, און פון זיינע טעג.

דער ספר האָט במשך פון זיינע הונדערטער יאָרן עקזיסטענץ מדריך און מחנך געווען טויזנטער אידישע קינדער אויפן ערלעכן אידישן וועג.

בס"ד

# אינהאַלט

## פון פינעף און דרייסיגסטער פרק


א. די גרויסע פרייד וואָס די נשמה האָט ווען זי גייט אַרויס פון דער וועלט און זי טרעפט אַ קלייד פון תורה און מצוות זיך אָנצוקליידן דערמיט ........ ג

ב. דער סוד פון דעם קלייד וואָס די נשמה באַקליידעט זיך, פון דעם ספר מקרא קודש........ ג

ג. דער סוד פון דעם קלייד - לויטן ספר "מאירת עינים" ........ ד

ד. דורך דעם קלייד קענען די נשמות מתפלל זיין אויף די לעבעדיגע מענטשן, און אַ ראַיי דערויף פון אליי הנביא און די היליגע אבות........ ו

ה. דאָס קלייד פון דעם מענטש ווערט געמאַכט פון די טעג ווען ער איז מקיים תורה און מצוות........ ו

ו. וויפיל לבושים האָט די נשמה, צוויי אָדער דריי? ........ ט

ז. רמזים אין די פסוקים און אין די מאמרי חז"ל וועגן די לבושים וואָס ווערן באַשאַפן פון די מצוות וואָס דער מענטש איז מקיים........ י

ח. רמזים אין די פסוקים וועגן דעם לבוש וואָס ווערט באַשאַפן פון די טעג פון אַ מענטש........ יג

ט. די גרויסע מעלה פון שרייבן חידושי תורה, און אַפילו אַ קליין אינגל זאָל שרייבן זיינע חידושים אין תורה........ יג

# פרק חמשה ושלשים

## די גרויסע פרייד וואָס די נשמה האָט ווען זי גייט אַרויס פון דער וועלט און זי טרעפט אַ קלייד פון תורה און מצוות זיך אָנצוקליידן דערמיט

**א. יקר האור ולבוש העליון,** דאָס טייערע ליכט, און דאָס אויבערשטע קלייד ווערט געמאַכט דורך דער ליכט פון תורה, און דורך דעם וואָס מען איז מקיים אירע מצוות, ווייל דורך די מצוות ווערט געוועבט אַ טייער רוחניות׳דיג קלייד, וואָס לייכט אַזוי ווי די לויטערקייט פון דעם הימל.

**ב. אשר הנשמה,** ווען די נשמה גייט אַרויס פון דער וועלט קליידעט זי זיך באַלד אָן אין דעם דאָזיגן ליכטיגן קלייד, וואָס ער האָט געמאַכט מיט זיין תורה און מצוות, און די נשמה באַקומט אַ גרויסע פרייד ווען זי זעט ווי אַזוי זי איז אָנגעקליידעט אין קליידער פון מלכות. נו, ווי אַזוי קען דער שכל פון אַ מענטש גאָר משיג זיין דעם שיעור פון דער שמחה, וואָס די נשמה האָט בשעת זי באַקליידעט זיך אָן טייערע קליידער.

## דער סוד פון דעם קלייד וואָס די נשמה באַקליידעט זיך, פון דעם ספר מקרא קודש.

**ג. והנה,** איך האָב באַשטימט דעם פרק, צו רעדן פון דעם אויבערשטן קלייד ווי אַזוי ער איז, און פון וואָס ער ווערט געמאַכט, און ווען די נשמה ווערט אין אים אָנגעקליידעט, און אויב זי האָט נאָר איין קלייד אָדער מער, כדי דורך דעם מודיע צו זיין די מעלה פון דעם מענטש וואָס לערנט תורה און איז מקיים די מצוות.

**ד. ונקדים,** און פריער וועלן מיר ברענגען דאָס וואָס דער רבינו עובדיה מברטנורה ז״ל שרייבט אין ספר ״מקראי

קודש״:

**ה. חכמי,** די חכמי האמת שרייבן: דער ערשטער מלבוש פון דער נשמה באַשטייט פון די גופניות׳דיגע יסודות, און דער אַנדערער מלבוש איז פון די יסודות רוחניים, די גייסטיקע יסודות פון דער נשמה. אין דעם דאָזיגן מלבוש קליידן זיך אָן די נשמות פון די צדיקים. דער דאָזיגער מלבוש איז זייער אַ קלאָרע ליכט, און די נשמות פון די צדיקים קליידן זיך אָן אין אים אין געוויסע צייטן, דהיינו ווען עס איז אויף דעם הימל פאַראַן אַ שפע, ברכה, און רצון, און שלום, ווייל אַז די נשמה שיידט זיך אָפּ פון דעם ערשטן מלבוש, איז זי מער רוחני פון די מלאכים, און דעמאָלט קענען זיי זיך נישט דערקענען אין וואָס פאַראַ גוף זיי זענען געווען, און ווער זייערע קינדער זענען. דעריבער קענען זיי דעמאָלט נישט מתפלל זיין פאַר זייערע קינדער, ביז דער אויבערשטער, ברוך הוא, גרייט זיי אָן דעם אַנדערן מלבוש, און אין דעם אַנדערן מלבוש דערקענען זיי זיך שוין יאָ, און אויך זייערע קינדער, און זיי בעטן פאַר זיך, און פאַר זייערע קינדער.

**ו. וכן,** און אַזוי אויך די מענטשן וואָס זענען געקומען צו אברהם אבינו זענען געווען נשמות פון צדיקים, וואָס זענען געווען אָנגעקליידעט אין דעם דאָזיגן מלבוש, און דעריבער האָט אברהם פאַר זיי אָנגעגרייט צו עסן און טרינקען, ווייל ער האָט אַוודאי געוואוסט אַז מלאכים עסן נישט, נאָר די דאָזיגע זענען געווען נשמות פון צדיקים, וואָס זענען געווען אָנגעקליידעט אין דעם מלבוש, וואָס האָט אַזאַ פּנים ווי גופים, האָט אברהם געמיינט אַז זיי קענען עסן און טרינקען, און דעריבער ווערן זיי גערופן אין דער תורה ״אנשים״.

### דער סוד פון דעם קלייד – לויטן ספר ״מאירת עינים״

**ז. ובספר,** און אין דעם ספר **״מאירת עינים״** שרייבט ער מער אַרויס די זאַך:

**דע,** דו זאָלסט וויסן, אַז די דאָזיגע צורה פון דעם מענטשן און זיין געשטאַלט איז זייער באַליבט פאַר דעם אויבערשטן ברוך הוא, און צוליב זיין גרויסע ליבשאַפט וועט ער לעתיד לבוא מחיה זיין די טויטע מיט זייער גוף, אַזוי ווי זיי זענען געווען פריער, און דערנאָך וועט דער אויבערשטער ברוך הוא מאַכן דעם יום הדין, דעם גרויסן און דעם פאָרכטיגן, און יעדער באַזונדער וועט באַקומען לויט זיינע מעשים.

**ח. גופות,** די גופים פון די צדיקים וועלן באַהאַלטן ווערן, אַזוי ווי די גופים פון חנוך און אליהו, און זייערע נשמות וועלן איבערבלייבן אין דער דאָזיגער צורה אויף אייביג.

**ט. גם,** אויך אין דער צייט ווען דער אויבערשטער ברוך הוא וויל טוהן אַ שליחות דורך די נשמות פון די צדיקים, קליידעט ער זיי אָן אַזאַ לבוש וואָס ווערט געמאַכט אַזוי ווי די צורה פון דעם גוף, און דערנאָך, אַז זיי טוען שוין זייער שליחות טוען זיי אויס דעם לבוש, און בלייבן נאַקעט ווי פריער.

**י. ויש,** און עס זענען דאָ אַזעלכע צדיקים און חסידים וואָס דער אויבערשטער ברוך הוא באַגערט אין זיי, זיי טוען תיכף אָן אַן אַנדער קלייד, און אַזוי אויך די נשמה פון יעקב אבינו עליו השלום, איז נישט געבליבן נאַקעט אַפילו איין שעה.

**ועל כן,** און דעריבער האָבן אונזערע חכמים זכרונם לברכה געזאָגט, יעקב אבינו איז נישט געשטאָרבן, ווייל ווען ער וויל זיך אָנקליידן אין דעם לבוש קליידעט ער זיך אָן. דאָס איז דערפאַר ווייל ער האָט געהאַט צער גידול בנים מער פון זיינע עלטערן. און ווייל יעקב אבינו האָט מקבל געווען זייער צער ביי זיין לעבן אויף דער וועלט, אויך נאָך זיין טויט ליידט ער פון דעם וואָס די אידן זענען אין צער פון גלות צוליב זייערע זינד, קליידט אָן די נשמה פון יעקב אבינו עליו השלום תיכף אין דעם מלבוש, און בעט רחמים אויף די אידן.

**דורך דעם קלייד קענען די נשמות מתפלל זיין אויף די לעבעדיגע מענטשן, און אַ ראַי׳ דערויף פון אלי׳ הנביא און די הייליגע אבות.**

**יא. ובלי,** די נשמה קען אַנדערש נישט מתפלל זיין, און אַראָפּברענגען אויף דער וועלט די שפע, נאָר ווען זי גייט אָנגעקליידעט אין דעם דאָזיגן מלבוש.

**דאָס קלייד פון דעם מענטש ווערט געמאַכט פון די טעג ווען ער איז מקיים תורה און מצוות**

**יב. והלבוש,** און כדי מען זאָל וויסן פון וואַנעט עס ווערט געמאַכט דער דאָזיגער רוחניות׳דיגער מלבוש, שטייט אין פסוק **"ויקרבו ימי ישראל למות"**, און די טעג פון ישראל (יעקב אבינו) האָבן זיך דערנענטערט צום שטאַרבן, איז דאָך שווער, זענען דען די טעג ביז אַהער געווען ווייט?

**יג. עוד,** נאָך אַ קשיא איז שווער, פאַרוואָס זאָגט דער פסוק בלשון רבים, "די טעג", אַ מענטש שטאַרבט דאָך אין איין טאָג. אויך איז שווער, פאַרוואָס רופט דער פסוק אים פריער אָן **"יעקב"**, און דערנאָך רופט ער אים אָן **"ישראל"**.

**יד. אבל,** דער תירוץ איז, ווייל ווען דער אויבערשטער האָט באַשאַפן דעם מענטש מיט זיין חסד, און האָט אַריינגעבלאָזן אין אים אַ נשמה פון רוח אלקים חיים, האָט ער אים באַשאַפן אויף דעם תכלית, אַז ער זאָל זיין אַזוי ווי די מלאכי השרת, וואָס האָבן נישט קיין שום זינד, נאָר צו טאָן זיין ווילן, און אדם הראשון האָט גורם געווען די זינד, און האָט עובר געווען אויף דעם ציווי פון דעם אויבערשטן ברוך הוא, האָט ער אים געגעבן אַ טייל מצוות, כדי דורך דעם זכות וואָס ער וועט זיי מקיים זיין זאָל זיין נשמה זוכה זיין זיך צוריקצוקערן צו איר אָרט, אַרויפצוגיין און צו זען דעם כבוד פון השם יתברך, און אַזוי אויך אין יעדן דור האָט ער מחדש

געווען אַ טייל מצוות ביז זיי זענען געקומען צום באַרג סיני, האָט ער זיי געגעבן תרי״ג מצוות, און האָט זיי געבאָטן זיי זאָלן מקיים זיין די מצוות, כדי עס זאָל זיי זיין גוט, אַז זייער נשמה וועט דערהויבן ווערן מיט נאָך אַ גרעסערע מעלה ווי זיי האָבן געהאָט פריער.

**טו. וכן,** און אַזוי אויך געפינען מיר אַז די מצוות וואָרענען יעדן טאָג דעם מענטשן אַז ער זאָל נישט זינדיגן, און ער זאָל מקיים זיין די מצוות אַזוי ווי אונזערע חכמים זכרונם לברכה זאָגן, ר׳ אחא האָט געזאָגט, די רמ״ח מצות עשה פון דער תורה זיינען אַנטקעגן די רמ״ח אברים פון דעם מענטש, און יעדן טאָג שרייען זיי אויף דעם מענטש: זיי אונז מקיים, כדי דו זאָלסט לעבן דורך אונזער זכות, און די שס״ה מצוות לא תעשה קעגן די שס״ה ימות החמה, וואָס יעדן טאָג ווען די זון שיינט ביז זי גייט אונטער שרייט זי, און זי זאָגט: איך בין גוזר אויף דיר, מענטש, וואָס דיינע טעג האָבן דערגרייכט צו דעם דאָזיגן טאָג, דו זאָלסט היינט נישט עובר זיין קיין עבירה, און דו זאָלסט נישט איבערוועגן מיך מיט דער גאַנצער וועלט לכף חוב, צו די וואָגשאָל פון שולד, חס וחלילה.

**טז. לכן,** דעריבער, אויב דער מענטש היט-אָפּ די מצוות פון דעם אויבערשטן, פאַרקירצט נישט דער אויבערשטער ברוך הוא זיין שכר, און ער גיט אים זיין שכר אויף יענער וועלט, ווייל אויף דער וועלט איז נישטאָ קיין שכר פאַר די מצוות, און אויסער דעם שכר וואָס ער באַקומט ווען זיין נשמה גייט אַוועק פון דער וועלט, מאַכט דער אויבערשטער ברוך הוא פאַר איר אַ לבוש, פון די אַלע טעג וואָס ער האָט אין זיי געטוהן מצוות, און די נשמה קליידט זיך אָן אין דעם לבוש, און דעמאָלט ווערט זי אָפּגערוהט פון איר ווייטאָג.

**יז. ולזה,** און דעריבער האָבן אונזערע חכמים ז״ל געזאָגט, אַז יעדער טאָג, אויב דער מענטש האָט געטוהן אין אים אַ מצוה, גייט דער טאָג פאַר דעם אויבערשטן ברוך הוא, און ער זאָגט: רבונו

של עולם, איך בין דער און דער טאָג פון דעם מענטש, און ער האָט אין מיר געטוהן אַ מצוה, דעמאָלט בלייבט דער טאָג שטיין פאַר דעם אויבערשטן ביז עס קומט די צייט פון דעם מענטש צו שטאַרבן.

**יח. עבר עבירה,** אויב דער מענטש איז עובר אַן עבירה, גייט דער טאָג אַרויף, און זאָגט: רבונו של עולם, איך בין דער טאָג פון דעם דאָזיגן מענטש, און ער האָט אין מיר עובר געווען די און די עבירה, און דער טאָג גייט אַרויס פון דעם אויבערשטן ברוך הוא, ווייל ער איז פאַראומריינִיגט געוואָרן, און דער אויבערשטער ברוך הוא איז דאָך הייליג, קען דער טאָג נישט שטיין אין זיין מחיצה.

**ובאחרית,** ווען דער מענטש שטאַרבט זעט מען איבער אַלע טעג פון דעם מענטש אויב זיי זענען אַלע ריין, אַז ער האָט אין זיי נישט געזינדיגט, דאַן גייען זיי אַלע פאַר דעם אויבערשטן ברוך הוא, און מען מאַכט אַ לבוש פון די טעג, און מען קליידעט אָן די נשמה פון דעם מענטש וואָס האָט מקיים געווען די מצוות.

**יט. ואם,** אָבער אויב עס געפינען זיך טעג וואָס זענען איינגעשמירט מיט זינד, ווערן די טעג פאַרשעמט, און זיי קענען נישט אַריינגיין אין דעם הויף פונעם קעניג, און אפילו די טעג וואָס ער האָט אין זיי געטוהן מצוות זענען נישט גענוג אים אָנצוקליידן, ווייל עס פעלט פון דעם לבוש, אַזוי ווי אַ קלייד וואָס עס איז עפּעס אַראָפּגעפאַלן דערפון. דעמאָלט קערט זיך די נשמה צוריק ליידיג, ווייל מען גיט איר נישט קיין קלייד.

**כ. ולכן,** און ווייל יעקב אבינו עליו השלום איז נזהר געווען צו טוהן מצוות אין אַלע זיינע טעג, און אַלע טעג פון יעקב אבינו זענען געווען פול מיט קדושה און טהרה. דעריבער, ווען ער איז נסתלק געוואָרן האָבן אַלע טעג באַלד געגענט פאַר דעם אויבערשטן ברוך הוא, און זיי זענען געוואָרן איין קלייד, און די נשמה פון יעקב האָט זיך אָנגעקליידעט דערין.

**כא. לכן,** דעריבער זאָגט דער פסוק: **"ויקרבו ימי ישראל"**, עס האָבן גענענט אַלע טעג פון יעקב אבינו פאַר דעם אויבערשטן ברוך הוא, אָן קיין שום בושה, און זיי זענען געוואָרן איין לבוש, ווייל זיי זענען געווען די טעג פון ישראל, אַזעלכער וואָס אַלע זיינע טעג זענען געווען רעכטפאַרטיג מיט דעם אויבערשטן ברוך הוא.

## וויפיל לבושים האָט די נשמה, צוויי אָדער דריי?

**כב. ובלבוש,** און וועגן דעם קלייד קריגן זיך די חכמים, אַ טייל זאָגן אַז די נשמה האָט נאָך אַ לבוש. אָבער פון דעם זוהר הקדוש איז געדרונגען, אַז די לבושים זענען דריי, אַזוי ווי עס איז דאָ צו דעם מענטשן איין נפש, און איין רוח, און איין נשמה, אַזוי האָט דער נפש באַזונדער איין לבוש, און דער רוח באַזונדער איין לבוש, און די נשמה איין באַזונדערן לבוש, און אַזוי ווי די מעלה פון יעדן איינציקן, אַזוי איז זיין לבוש, ווייל די נשמה גייט אַרויף אין דעם היכל "צרור החיים", און דער רוח אין גן עדן, און דער נפש איז תמיד אין קבר, און ווען די לעבעדיגע זענען מתפלל אויף די קברים פון מתים איז דער נפש מודיע דעם רוח, און דער רוח די נשמה, און די נשמה בעט דאָס פון דעם אויבערשטן ברוך הוא. און דער מת וואָס גייט אַמאָל אין אַ שליחות, און ער ווערט געזען, איז דאָס נאָר מיט דעם לבוש פון דעם נפש, אָבער דער לבוש פון דעם רוח, און דער לבוש פון דער נשמה, גייען נישט אַרויס פון דעם אָרט וואָס זיי שטייען דאָרט.

**כג. הנה,** לויט דעם פירוש אַז עס זענען דאָ דריי מלבושים, און איין מלבוש וואָס דער נפש קליידעט זיך אָן, ווען זי ווערט געשיקט אין אַ שליחות, און דער לבוש ווערט פון די טעג וואָס דער מענטש האָט אין זיי געטוהן מצוות און מעשים טובים, דורך דעם קען מען פאַרשטיין דעם פסוק אין תהלים: **"יחלקו בגדי להם ועל לבושי יפילו גורל"**, זיי צעטיילן מיינע קליידער צווישן זיך, און אויף מיין קלייד וואַרפן זיי אַ גורל. דער פסוק רעדט וועגן די דריי מלבושים

וואָס שטייען פריער אין פסוק, ווייל די ליצני הדור האָבן געזאָגט אַז דוד המלך האָט חס וחלילה נישט קיין חלק אין עולם הבא, און מיר וועלן ירש'ענען זיינע לבושים וואָס ער האָט פאַר זיך געמאַכט פון די מצוות, וואָס ער האָט געטאָן איידער ער האָט געזינדיגט מיט בת שבע, ווייל דער צדיק נעמט אין גן עדן זיין חלק און אויך דעם חלק פון דעם רשע, און דאָס זאָגט ער, זיי צעטיילן זיך מיט מיינע לבושים, דער לבוש פון מיין נשמה און פון מיין רוח, און אויף דעם לבוש וואָס איך האָב געמאַכט מיט מיינע מצוות און מעשים טובים טוען זיי גורל וואַרפן, ווער עס וועט אים נעמען.

**רמזים אין די פסוקים און אין די מאמרי חז"ל וועגן די לבושים וואָס ווערן באַשאַפן פון די מצוות וואָס דער מענטש איז מקיים.**

**כד. וזה,** און דאָס מיינט אויך דער פסוק אין ישעיה, אַז די אידן זאָגן **"שוש אשיש בה'"**, אַז מיר וועלן אויסגעלייזט ווערן, און מיר וועלן פאַרריכטן דעם פגם וואָס מיר האָבן געמאַכט אין אונזער הייליגן קלייד, וועלן מיר זיך פרייען מיט דעם אויבערשטן, אַז איך וועל מיך שוין נישט שעמען צו שטיין פאַר אים ווייל **"הלבישני בגדי ישע"**, ער האָט מיך אָנגעקליידעט די לבושים וואָס זענען אַ הילף צו מיין נשמה, **"מעיל צדקה"**, דאָס העמדל וואָס איז געוואָרן פון די צדקות, וואָס איך האָב געטאָן, **"יעטני"**, דאָס וועט מיך אַרומוויקלען.

**כה. עוד,** אויך איז דער מענטש זוכה אָנצוקליידן אויף דער וועלט די לבושים פון די מצוות. דעריבער שטייט ביי אסתר **"ותלבש אסתר מלכות"**, און אסתר האָט זיך אָנגעקליידעט מיט די קליידער, וואָס זי האָט געמאַכט פון אירע מצוות, און אַזוי אויך שטייט ביי מרדכי **"ומרדכי יצא מלפני המלך בלבוש מלכות"**.

**כו. ונבין,** און דערמיט קען מען פאַרשטיין דעם פסוק "**וילבש שאול את דוד מדיו**", און שאול האָט אָנגעקליידעט צו דוד זיינע קליידער. האָבן אונזערע חכמים זכרונם לברכה געזאָגט, אַז שאול איז געווען העכער פון אַלע אידן, און דוד איז געווען אַ קליינער מענטש, פונדעסטוועגן זענען די קליידער פון שאול גוט געווען אויף דוד. האָט שאול אָנגעהויבן מקנא צו זיין דוד, ווייל ער האָט מורא געהאַט אַז דוד זאָל ביי אים נישט צונעמען די מלוכה.

**כז. דקשה,** איז דאָך שווער אויף שאול, וואָס ער איז געווען אַ גרויסער צדיק, און ער האָט געזען אַזאַ נס, ווי די קליידער זענען גוט געווען אויף דוד, האָט ער נאָך אָנגעהויבן אים מקנא צו זיין, ווי אַזוי איז מעגליך אַזאַ זאַך?

**כח. ועוד,** נאָך אַ קשיא איז שווער, ווייל שאול המלך איז דאָך געווען אַ געזאַלבטער קעניג פון דעם אויבערשטן, און די מלוכה איז דאָך פון דעם אויבערשטן ברוך הוא, נו, ווי אַזוי האָט ער מורא געהאַט אַז דוד זאָל ביי אים נישט אַוועקנעמען די מלוכה?

**כט. אמנם,** נאָר כדי צו פאַרענטפערן די דאָזיגע קשיות, וועלן מיר שרייבן וואָס דער בעל "**שיח יצחק**" שרייבט, דער אויבערשטער ברוך הוא גיט שכר צו די צדיקים, און מער נאָך פון אַנדערע אויף זייערס, אַז ווען דער מענטש דאַרף נאָך זיין טויט זיך אָנקליידן מיט דעם קלייד וואָס מען מאַכט פאַר אים פון זיינע מצוות און מעשים טובים, אויב ער האָט אָבער נישט געַנוג, גיט דער אויבערשטער ברוך הוא אים נאָך אַ ירושה פון אַנדערע, און דאָס ווערט גערופן "חלוקא דרבנן". און שאול, מחמת זיין גרויסע אמונה אין דעם שכר פון דער נשמה, און ער האָט געזען אַז דוד איז אַ קליינער מענטש, און ער, שאול, איז אַ הויכער מענטש, און זיינע קליידער זענען גוט אויף דוד, האָט שאול געטראַכט אַז דאָס איז מען מיר מרמז פון הימל אַז פון מיין חלוקא דרבנן וועט מען אים משלים זיין אויף עולם הבא

זיין חלוקא דרבנן, דעריבער איז אַריינגעגאַנגען אין זיין האַרץ קנאה, וואָס איז נוגע צו דער נשמה. און ווייל ער האָט אים מקנא געווען, האָט דאָס אים געבראַכט אַז אַ רוח רעה זאָל אין אים אַריינגיין, ער זאָל אים נאָכיאָגן. צוליב דעם רוח רעה וואָס ער האָט געהאַט אין זיך, האָט ער אים נישט געלאָזט דאָס איבערטראַכטן.

**ל. וכיון**, און ווייל שאול האָט אַלץ מורא געהאַט אַז דוד זאָל נישט ירש'ענען זיין לבוש אויף עולם הבא, דעריבער, דערנאָך אַז ער האָט אויפגעברענגט שמואל הנביא, און שמואל האָט אים געזאָגט אַז ער וועט מיט אים זיין אין איין מחיצה אויף עולם הבא, איז ער תיכף אַרויסגעגאַנגען מיט זיינע קינדער אין דער מלחמה מיט די פלשתים, כאָטש שמואל האָט דאָך אים געזאָגט אַז ער וועט דאָרט גע'הרג'עט ווערן, ווייל דער צדיק האָט נישט קיין זאָרג אויפן לעבן פון דער וועלט קעגן דעם ערך פון דעם שכר וואָס די נשמה וועט האָבן אויף עולם הבא.

**לא. ובהקדמה**, און מיט דער דאָזיגער הקדמה איז ר' יוסף קמחי מפרש דעם פסוק **"ה' יברך את עמו בשלום"**, ווייל דאָס וואָרט "בשלום" זענען די אותיות "מלבוש". דאָס מיינט צו זאָגן, דער אויבערשטער האָט געבענטשט זיין פאָלק אַז זיי זאָלן געבענטשט ווערן מיט דעם אויבערשטן לבוש.

**לב. וזהו**, און דאָס מיינט דער פסוק **"תפילה לעני כי יעטוף ולפני ה' ישפוך שיחו"**. דאָס איז ער מרמז אויף דעם וואָס די נשמה וויקלט זיך איין אין דעם אויבערשטן לבוש נאָך זיין טויט, וואָס ער ווערט אָרים פון מצוות, ווייל דער טויטער ווערט אָנגערופן "עני", אַן אָרימאַן. און אַז די נשמה וויקלט זיך איין אין דעם אויבערשטן לבוש, וואָס ער האָט געמאַכט מיט זיינע מצוות, קען זי קומען פאַר דעם אויבערשטן ברוך הוא מתפלל צו זיין אויף זיך און אויף זיינע קינדער.

## רמזים אין די פסוקים וועגן דעם לבוש וואָס ווערט באַשאַפן פון די טעג פון אַ מענטש

**לג. והנה,** נו, אַצינד וועלן מיר רעדן פון דעם מלבוש וואָס ווערט געוועבט פון די טעג וואָס ער האָט אין זיי נישט געזינדיגט, און מיר וועלן פאַרשטיין אַז דאָס מיינען אונזערע חכמים זכרונם לברכה **"ויהי בימי אחשורוש"**, "די לאותן הימים", ווייל איז געווען צו די טעג וואָס זענען געווען אין דער צייט פון אחשורוש, דאָס איז דערפאַר ווייל אין די טעג פון אחשורוש האָבן די אידן געזינדיגט, דעריבער זאָגט ער, ווי איז צו די דאָזיגע טעג, אָבער די טעג וואָס דער מענטש טוט אין זיי מעשים טובים, זענען זייער גוט.

**לד. וזהו,** און דאָס מיינט דער פסוק **"ואברהם זקן בא בימים"**, און אברהם איז אַלט געוואָרן, ער איז געקומען מיט זיינע טעג, ווייל פון די טעג איז געוואָרן אַ לבוש צו אים אויף עולם הבא, אַזוי איז ער געקומען מיט די טעג זעלבסט, ווי אַ מענטש קומט מיט אַ קלייד אָנצוקליידן אים.

## די גרויסע מעלה פון שרייבן חידושי תורה, און אַפילו אַ קליין אינגל זאָל שרייבן זיינע חידושים אין תורה.

**לה. ונראה,** און מיר דאַכט זיך, אַז פונקט אַזוי ווי פון די מצוות וואָס דער מענטש זינדיגט נישט אין זיי, ווערט געוועבט אַ מלבוש, אַזוי אויך פון אַלע חידושים וואָס ער איז מחדש אין דער תורה, ווערן אויבן געבויט וואונדערליכע היכלות און חופות, וואָס די נשמה זאָל זיך באַשיינען מיט זיי. און אפילו ווען ער איז מחדש גאָר אַ קליינעם חידוש זאָל דאָס נישט גרינג זיין אין זיינע אויגן, ווייל אפילו אַ בניין פון גרויסע שטיינער קען קיין קיום נישט האָבן נאָר דורך קליינע שטיינער וואָס ווערן אַריינגעלייגט צווישן די שטיינער.

**לו. ואל,** און דו זאָלסט נישט פרעגן, ווי געשיקט זיך דאָס אַז וועגן דעם וואָס איך שרייב דאָ זאָל ווערן אויף דעם הימל אַ בנין,

ווייל דאָס איז אַ קל וחומר פון אַ דיבור וואָס אין אים איז דאָך נישטאָ קיין ממשות, און פונדעסטוועגן איז ער גורם צו מאַכן אַ זאַך אין דעם מענטשן, גלייך ווי מרים איז געשלאָגן געוואָרן מיט צרעת ווייל זי האָט גערעדט אויף משה רבינו, אַ פשיטא אַז דאָס שרייבן זיינע חידושים איז דאָך אַ מעשה וואָס ווערט געזען, קען דאָס אַוודאי אויפטוהן צו בריען בנינים צו זיין נשמה, און ווייל אין די פריערדיגע פרקים האָב איך מאריך געווען וועגן דעם, דעריבער האָב איך דאָ ווייניג געשריבן דערפון.

❀ ❀ ❀

## הוספות לאות י"ג

## אַ נשמה פון עולם העליון

**דער** הייליגער רבי ר' אלימלך פון ליזענסק זי"ע האָט געהאַט אין זיינע יונגע יאָרן אַ באַשטימטן חבר, אַ יונגערמאַן, אויסגעצייכנט אין תורה און אַ גרויסער צדיק, און די אהבה צווישן זיי איז געווען זייער גרויס.

**ויהי** היום, דער יונגערמאן איז שטאַרק קראַנק געוואָרן ביז ער האָט שוין געהאַלטן ביי שטאַרבן. איז דער הייליגער רבי אלימלך געגאַנגען אים באַזוכן. דער יונגערמאַן האט זיך אויסגעוויינט פאַר אים, און געבעטן ער זאָל אויפהאָדעווען זיין קליין קינד וואָס וועט נאָך אים איבערבלייבן.

**רבי** אלימלך האָט אים געזאָגט: איך זאָג דיר צו, אָבער נאָר בתנאי אַז דו וועסט מיר געבן אַ תקיעת-כף, אַז נאָך דיין טויט וועסט קומען מיר לאָזן וויסן וואָס איז געוואָרן מיט דיין משפט. האָט דער יונגערמאַן מסכים געווען, און רבי אלימלך האָט אים צוגעזאָגט צו דערציען דאָס קינד, און דער יונגערמאַן האָט אויסגעהויכט זיין נשמה.

**רבי** אלימלך האָט מקיים געווען וואָס ער האָט צוגעזאָגט, און האָט גענומען דאָס קינד צו זיך אין שטוב. ער האט אים אויפגעצויגן און געלערנט מיט אים תורה, און ווען עס איז געקומען די צייט פון חתונה האָבן האָט ער זיך פאַרבונדן בקשר החיתון מיט עפעס אַן עושר. אין דעם טאָג פון די חופה האָבן זיך צונויפגעזאַמלט די גאַנצע שטאָט צו דער חופה, און דער הייליגער רב איז אַריין אין אַ באַזונדערן צימער און זיך פאַרזאָמט דאָרטן. די מענטשן האָבן געוואַרט זייער לאַנג ער זאָל אַרויסקומען, אָבער דער הייליגער רב קומט נישט אַרויס. איז מען צוגעגאַנגען צו דער טיר, און אַריינגעקוקט דורכן לאָך פון שלאָס, האָט מען געזען ווי ער איז פאַרזונקען אין זיינע געדאַנקען, האָט מען מורא געהאַט אים צו שטערן פון זיינע מוחין... און אַזוי ווי עס איז

אַריבערגעגאַנגען עטליכע שטונדן, איז דער הייליגער רבי אלימלך אַרויסגעקומען צו דער חופה, און האָט מסדר געווען די קידושין. בשעת די סעודה האָט ער זיך אָנגערופן צו די אָנוועזנדע: זיכער וואונדערט אייך פאַרוואָס איך האָב פאַרשפּעטיגט צו קומען צו דער חופה, וועל איך אייך דערציילן די אורזאַך דערפון.

**דער** אבי החתן איז מיר געווען אַ נאָענטער פריינט, ווי אַ ברודער אין מיינע יונגע יאָרן. ער האָט מיר צוגעזאָגט פאַר זיין פטירה אַז ער וועט קומען צו מיר און לאָזן וויסן וואָס איז געוואָרן מיט זיין משפט, אָבער ער האָט נישט געהאַלטן וואָרט. דעריבער האָב איך נישט געוואָלט גיין צו דער חופה ביז ער וועט קומען צו מיר. און אייניגע מאָמענטן פאַר דער חופה איז ער געקומען צו מיר און האָט זיך אַנטפּלעקט וואַכעדיקערהייט און האָט אַזוי אויסגעזען פונקט ווי ביים לעבן. האָב איך אים געפרעגט, וואָס איז געוואָרן מיט דיין משפט? האָט ער מיר געזאָגט בזה הלשון:

**בשעת** יציאת נשמה, האָב איך נישט געשפּירט קיין שום צער, נאָר כאילו מען ציט אַרויס אַ האָר פון מילך, און ס׳האָט זיך מיר געדאַכט ווי איך שלאָף. ווען די חברה האבן זיך באַשעפטיגט מיט מיר, האָב איך געוואָלט אויפשטיין און זיי אַוועקטרייבן פון מיר, אָבער איך האָב נישט געקענט, און ס׳האָט מיר געדאַכט אַזוי ווי אין אַ חלום. נאָכדעם ווען מען האָט מיר אַריינגעלייגט אין קבר, און מען האָט פאַרמאַכט און פאַרשטאָפּט מיט דעם גולל, און די מענטשן זיינען זיך פונאַנדער געגאַנגען, האָב איך זיך אויפגעהויבן פון קבר, און ס׳האָט זיך מיר געדאַכט אַז איך לעב, האָט מיר שטאַרק געוואונדערט ווי קום איך אין בית-עלמין, האָב איך געוואָלט אַהיים גיין צו מיר אין שטוב, נאָר איך האָב נישט געוואוסט וואו דער טויער איז, בין איך אַרויף אויפ׳ן גדר אונאיך בין אַריבער אויף די צווייטע זייט, און איך האָב אָנגעפאַנגען אַהיים צו גיין. אָבער עס איז געוואָרן פאַרנאַכט און די זוהן האט אָנגעהויבן אונטער צו גיין, און אַרויסגייענדיג אויפ׳ן וועג

איז דאָרטן דורכגעגאַנגען אַ קליין אָפּלויף פון וואַסער, האָב איך עס געוואָלט אַריבערגיין מיט מיינע פיס, נאָר פלוצלינג האָבן די וואַסער אָנגעהויבן צו פלייצן זייער הויך און איך האָב מורא געהאַט אַריבער צו גיין... האָב איך געטראָפן דאָרט צוויי שטיקלעך האָלץ און איך האָב דאָס געוואָלט אַריינשטעקן אין טייך צו זעהן איב די וואַסער זיינען טיף, אָבער די וואַסער זענען געווען טיף און איך האָב נישט געקענט דורכגיין.

**אינצווישן** האָט אָנגעפאַנגען צו מיין ווייטאָג מיט אַ פלייצונג רעגענען, און מיינע אַלע קליידער זיינען געוואָרן דורכגעווייקט פון דעם רעגן, און איך האָב נישט געוואוסט וואו זיך צו קערן... פון איין זייט איז דער בית-החיים, און פון דער צווייטער זייט שטראָמט די וואַסער, די זוהן איז שוין אונטער געגאַנגען און עס איז שוין געוואָרן נאַכט, און איך האָב זייער געבענקט זיך אומצוקערן אַהיים, וואָס אַזאַ בענקעניש האָב איך נאָך קיינמאָל נישט געהאַט, און פון גרויס צער האָב איך אָנגעהויבן וויינען פאַר השם-יתברך ער זאָל זיך דערבאַרעמען אויף מיר!

**פלוצלינג** האָט זיך פאַר מיר אַנטפּלעקט אַ הויכער מענטש, פון די ערד ביז'ן הימל, און ער האָט מיר געפרעגט פאַרוואָס וויינסטו? האָב איך אים דערציילט אַז איך וויל אַהיים גיין אונאיך קען נישט, האָט דער מענטש מיר געזאָגט: אוי, נאַרישער, דו מיינסט אַז דו ביסט נאָך אין עולם-הזה, ביסט דאָך שוין אַ מת! און ער האָט מיר גענומען און האט מיר אויפגעהויבן פון דער ערד און האָט מיר אַוועקגעשטעלט פאַר'ן בית-דין-של-מעלה, און זיי האָבן אָנגעהויבן אַריין צו טראַכטן אין מיין געריכט, און זיי האָבן נישט געטראָפן אין מיר קיין שום פעלער איך זאָל דאַרפן קריגן פאַר דעם גיהנום, נאָר צוליב עפּעס אַ קליינעם פגם האָט מען נישט געקענט פסק'נען פאַר מיר גן-עדן, דעריבער איז אַרויס דער פסק אַז מען זאָל זיך זעצן אין עפּעס אַ היכל, וואָס איין טיהר זאָל זיין אָפן צום גיהנום, און דער צווייטער

טיהר זאָל זיין אָפן צום גן-עדן, און דורכדעם וואָס איך וועל זעהן דעם צער פון די רשעים אין גיהנום, וועט אַראָפּגענומען ווערן מיין זינד און מיין חטא וועט פאַרגעבן ווערן.

**באַלד** האָט מען מיר איבערגעגעבן צו אַן אויפזועער, ער זאָל מיר אַוועקזעצן אויף דעם אָרט וואו מען האָט פאַר מיר באַשטימט, און אַזוי ווי איך האָב אַריין געקוקט אין גיהנום האָב איך געזען עטליכע מענטשן פון מיינע באַקאַנטע, און איך האָב געהערט די קולות און די געשרייען, איך האָב נישט געקענט אַהין קוקן און איך האָב פאַרמאַכט די אויגן נישט צוקוקן אַהין, אויך די גרויסע פאַרגעניגן פון די צדיקים אין גן-עדן פון די אַנדערע זייט האָב איך אויך נישט געקענט צוקוקן וואָס איך בין נאָך נישט ראוי דערצו... און אַזוי ווי עס איז געקומען ערב-שבת-קודש האָט מען אַרויסגעשיקט די מענטשן ופן גיהנם פריי, האָב איך דאַן געזאָגט צו מיין אויפזעער, אַז איך וויל אויך אַרויסגיין פרי פון מיין היכל, האָט מיר דער אויפזעער געזאָגט אַז ער האָט נישט קיין ערלויבעניש אויף דעם, האָב איך אים געזאָגט, איך בעט דיר גיי צום בית-דין-של-מעלה און פרעג וועגן דעם! איז ער געגאַנגען פרעגן, און ער איז צוריק געקומען מיט אַן ענטפער אַז מען האָט מיר געגעבן ערלויבעניש, בין איך דאַן אַרויס אין דרויסן, האָב איך געזען ווי טויזנטער און צענדליקער טויזנטער פליען און שפּרינגען אַהער און אַהין צו מקבל-שבת זיין.

**פלוצלינג** האָט מען דערזען גאָר אַ גרויסן מלאך, און אַלע זיינען געלאָפן און אים אַרומגענומען, האָב איך געפרעגט, וואָס איז דאָס? האָט מען מיר געזאָגט אַז דער מלאך איז באַשאַפן געוואָרן פון די הייליגע תורה וואָס רבי אלימלך האָט יעצט געזאָגט, אַזוי ווי איך האָב דאָס געהערט האָב איך זיך דערמאַנט, אַז איך בין געווען אַ חבר, ווי אַ ברודער, צו דעם צדיק און איך האָב ביי זיך געטראַכט, וויבאַלד רבי אלימלך איז אַזוי חשוב אין הימל און איך בין דאָך געווען

זיין נאָענטער חבר, און איך האָב אים באַדינט, וועגן דעם אַליין קומט מיר שכר עולם הבא!

**מוצאי** שבת קודש, איז געקומען צו מיר דער אויפזעער און האָט מיר געוואָלט אומקערן צום היכל וואו איך בין געזעסן אַ גאַנצע וואָך, האָב איך אים געזאָגט אַז איך וויל זיך נישט אומקערן אַהין, האָט ער מיר געזאָגט: וואָס זאָל איך דיר טאָן, איך בין מער נישט ווי אַ שליח, און איך דאַרף אויספירן מיין פליכט... האָב איך אים געזאָגט: הער נאָר וואָס איך וועל דיר זאָגן, גיי צום בית דין און זאָג זיי אַז איך בין געוועזן אַ חבר פון רבי ר׳ אלימלך, דעריבער וויל איך זיך דאָרט נישט אומצקערן. איז דער ממונה געגאַנגען צום בית-דין, האָט מען אים געזאָגט אַז ער איז גערעכט, נאָר וויבאַלד ער האָט געגעבן אַ תקיעת-כף פאַר דעם רבי׳ן אַז ער וועט קומען צו אים און אים מודיע זיין וואָס איז געוואָרן מיט זיין געריכט, דעריבער אויב ער וועט מקיים זיין זיינע ווערטער, וועט ער באַקומען זיין שכר אין גן-עדן, און ער וועט זיך נישט דאַרפן נאָכאַמאָל אומקערן צו יענעם היכל. האָב איך אָנגעפאַנגען צו גיין צום רבי׳ן ר׳ אלימלך, און יעצט בין איך געקומען אים לאָזן וויסן און מקיים זיין מיינע ווערטער.

**(און** דערווייל איז אַריבער כמה וכמה שנים וואָס ער האָט זיך געבלאָנדזשעט אויפ׳ן וועג, ביז זיין זוהן איז געוואָרן פערצן אָדער פופצן יאָהר).

**דער** הייליגער רבי אלימלך האָט אויסגעפירט: אַזוי האָט דער מענטש גערעדט צו מיר, און ער האָט געבעטן פון מיר אַ כתב אַז איך פטר אים פון דעם תקיעת-כף. האָב איך אים געזאָגט אַז דו ביסט שוין יאָ געקומען, דייט אייך מכבד און זיצט כאָטש ביז נאָך די חופה פון אייער קינד... האט ער מיר געזאָגט: האַלט מיר נישט אויף, ווייל עס איז אוממעגליך אויסצומאָלן דעם פאַרגעניגן וואָס עס איז דאָ אין גן-עדן, און יעצט איז דער עולם-הזה גאָרנישט חשוב אין מיינע אויגן.

האָב איך אים געגעבן אַ כתב-פיטורין, און ער איז אַוועק געגאַנגען. און נאָכדעם בין איך געגאַנגען צו דער חופה. האָט רבי אלימלך געזאָגט, אַז פון דעם קען מען אַרויסנעמען אַ מוסר השכל, אם בארזים נפלה שלהבת, אויב אַזאַ הייליגער יונגערמאַן ווי ער, וואָס איך האָב אים גוט געקענט אַז ער איז אַ צדיק תמים – און פונדעסטוועגן האָט ער זיך געוואַלגערט אָן קיין מנוחה אַזוי פיל יאָרן – וואָס זאָלן שוין מאַכן די אזובי קיר, די קליינע מענטשן.

❖ ❖ ❖